גליון לז
פרשת דברים תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### בישולי עכו"ם ומאכלי עכו"ם

### ♦ אכל תשברו מאתם

אין די פרשה שטייט (דברים ב כח) "אכל בכסף תשברני ואכלתי, ומים בכסף תתן לי ושתיתי". די משנה אין מסכת עבודה זרה (כט לה ע"ב) זאגט אז 'בישולי נכרים' איז אסור, און די גמרא זאגט 'מנא הני מילי', פון ווי נעמט זיך די איסור, אין די 'הוא אמינא' וויל די גמרא זאגען אז מ'לערנט עס ארויס פון אונזער פסוק, מ'זעהט אז די יידען האבן נאר געמעגט קויפן וואסער, אדער אנדערע מאכלים בדומה צו וואסער, נישט קיין געקאכטע זאכן. אבער אין די מסקנא זאגט די גמרא אז די פסוק איז נאר א 'אסמכתא'.

צוויי טעמים איז דא צו די גזירה פון 'בישולי נכרים', א חשש פון 'חתנות' (ווי ס'איז מבואר אין רש"י אין די משנה עבודה זרה לה ע"ב), און א חשש אז דער גוי וועט מאכל זיין דעם יוד מיט 'דברים אסורים' (ווי ס'איז מבואר אין רש"י אין די גמרא לח ע"א). און ביידע חששות קומען ארויס פון 'רגילות', אז דורכען עסן 'בישולי נכרים' ווערט מען 'נתרגל' מיטן גוי, עסן איז א 'מרגיל' (ענדליך צו וואס די משנה זאגט 'לא יאכל הזב עם הזבה מפני הרגל עבירה'), וואס דאס איז שוין נאכדעם א פתח פאר אלעס, פאר כל דבר אסור ל"ע.

דאס פאנגט זיך אהן מיט א 'פתח' צו מאכלות אסורות, 'שמא יאכילנו דברים אסורים', און נאכדעם ווערט עס נמשך צו א 'פתח' פאר 'חתנות' ל"ע, זיך משדך צו זיין מיטן גוי, ווייל דאס איז די טבע פון 'רגילות', אז ס'איז 'מרגיל' ווייטער און ווייטער, אפענקייט ברענגט אפענקייט, און דאס ברענגט צו די גרעסטע דרגא פון אפענקייט וואס דאס איז 'חתנות'.

ענדליך צו וואס די גמרא זאגט "גזרו על פתן ושמנן משום יינן, ויינן משום בנותיהן, ובנותיהן משום דבר אחר". דאס הייסט אז אפענקייט מיט זיי, קייקלט זיך ווייטער און ווייטער אהן א אפשטעל, און אלעס פאנגט זיך אהן פון אביסל עסן, פון אביסל 'בישול נכרים' ווערט ח"ו א אפען א טירל, וואס פירט ביזן 'שאול תחתית', ס'איז טאקע א לאנגע 'פראסיס', אבער אין ענדע קומט עס אהן צום 'שאול תחתית' ממש.

### ♦ התבדלות פון די גויים

מ'זעהט אין די תורה אהן א שיעור מאל, אז דער גאנצער מציאות "יוד" באשטייט נאר פון דעם 'הבדלה מן העמים', ווי ס'שטייט אין איינער פון די צענדליגע פסוקים 'ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי', דאס איז די כללות התורה, די 'הבדלה' פון די גויים. דער יוד מיט די תורה איז אלעס, און דער גוי מיט זיין עבודה זרה איז גארנישט, דער יוד'ס מציאות איז תורה, אלעס דרייט זיך ארום דעם אייבירשטן, און דער גוי'ס מציאות איז פארקערט, ביי דעם גוי דרייט זיך אלעס ארום דעם עבודה זרה, ארום דעם 'כוחי ועוצם ידי', ממילא איז נישט מעגליך אז דער יוד זאל האבן א קיום נאר דורעך 'הבדלה' פון די גויים.

כסדר אין די תורה טרעפט מען אז די תורה זאגט חוקים ומשפטים בפרטות, און נאכדעם געט די תורה א נעם צוזאם א כלל, "איר זאלט גיין אין מיינע חוקים ומשפטים, און נישט אין די חוקים ומשפטים פון די גויים". דאס איז די כללות התורה, די 'התבדלות' פון די גויים, און דאס דריקט די תורה כסדר מיט די ווערטער 'חקותי ומשפטי', 'חקותי', מיינע חוקים, 'מצוותי', מיינע מצוות, 'לאפוקי' פון די מצוות און חוקים פון די גויים.

און בפרט זעהט מען דאס אין מסכת 'עבודה זרה', ווי אלעס דרייט זיך ארום די נקודה פון התבדלות פון די יוד און די גוי, דער יוד דארף זיין אפגעשייד פונעם גוי אין האנדלען, ביים קויפן און פארקויפן אין די 'ימי החגאות', נישט פארקויפן זאכן וואס קענען ברענגען היזקות, נישט פארקויפן קיין קרקעות בהמות און בתים. און אפילו נישט געבן קיין 'חן' פאר א גוי (כל אחד לשיטתו בעבודה זרה דף כ ע"א).

אויך אין די צווייטע פרק איז מבואר אז דער יוד טאר זיך נישט מייחד זיין מיט'ן גוי, אויך דער יוד'ס בהמות טאר ער נישט מייחד זיין מיט זיי, ער טאר זיי נישט מיילד זיין אדער 'מניק' זיין, ער טאר זיך נישט לאזען אויסהיילן אדער זיך שערן פון זיי. ער דארף זיך דערווייטערן פון זייערע מאכלים, באכילה אדער אפילו בהנאה, און אפילו פון זייערע קנקנים און כלים דארף מען זיך דערווייטערן.

און שפעטער איז מבואר די הלכות פון יין נסך, און אין סוף מסכת עבודה זרה זעהט מען די הלכות פון 'כלים' וואס מ'קויפט פון א גוי, די חיוב טבילה והגעלה.

איז דאס איז אויך די הלכות פון 'בישולי נכרים', צו זיין 'נבדל' פון די גוים, ס'זאל נישט ווערן קיין רגילות און קיין אפענקייט צווישן זיי, דורכען עסן זייערע תבשילים וכדומה, וואס די אפענקייט איז מגלגל איינס נאכן צווייטן, צו ווערן מער און מער אפען צו זייערע וועלט, ביזן אריינפאלן חס ושלום אינגאנצן צו זיי. ווי די גמרא זאגט (לו ע"ב) "גזרו על פתן ושמנן משום יינן, ויינן משום בנותיהן, ובנותיהן משום דבר אחר".

די גמרא זאגט "גזרו על פתן ושמנן משום יינן, ויינן משום בנותיהן, ובנותיהן משום דבר אחר". דאס הייסט אז אפענקייט מיט זיי, קייקלט זיך ווייטער און ווייטער אהן א אפשטעל, און אלעס פאנגט זיך אהן פון אביסל עסן, פון אביסל 'בישול נכרים' ווערט ח"ו א אפען א טירל, וואס פירט ביזן 'שאול תחתית'

המשך בעמוד הבא

## ◆ אשר לא יתגאל

ס'איז מבואר אין עבודה זרה (ל ע"א) אז דניאל האט שוין גוזר געווען אויף 'בישולי נכרים', ווי די פסוק זאגט (דניאל פרק א ח) 'אשר לא יתגאל בפת בג וגו'. מ'זעהט פון פסוק אז 'בישולי נכרים' אויזער די איסור, האט עס אויך א 'עקל', 'אשר לא יתגאל', ער האט זיך נישט געוואלט פארשמירן מיט גוישע עסן, גוישע עסן האבן א מיאוס'קייט א גיעול און זוהמא (יתגאל היא כמו 'יתגעל', מלשון 'גיעולי נכרים').

און דאס האט מעורר געווען פאר דניאל א 'גיעול' און א גרויל, אפילו ס'איז נישט געווען אריין געמישט אין דעם קיין שום איסור, די עצם זאך אז א גוי האט עס געקאכט, האט שוין מעורר געווען ביי אים א 'עקיל'. בעצם שטייט שוין די דאזיגע טעם אין פסוק, ווי די פסוק זאגט ביי דניאל (דניאל פרק א ח) 'וַיָּשֶׂם דָּנִיֵּאל עַל לִבּוֹ אֲשֶׁר לֹא יִתְגָּאַל בְּפַת בַּג הַמֶּלֶךְ, וּבְיֵין מִשְׁתָּיו, וַיְבַקֵּשׁ מִשַּׂר הַסָּרִיסִים אֲשֶׁר לֹא יִתְגָּאָל'. 'יתגאל' טייטשט זיך פארשמירן, מלשון 'יתגעל', 'גיעולי גויים', דניאל האט זיך אכטונג געגעבן פון זיך פארשמירן מיט גוישע עסן.

דער באשעפער האט באשאפן די טבע פון א מענטש, אז זיין עסן דארף זיין בטעמ'ט, א מענטש קען נישט עסן עפעס וואס האט נישט א גוטע טעם, און כל שכן עסן'ס וואס האבן א 'עקל' און א 'איבל', ס'איז נישט מעגליך בדרך הטבע צו עסן אזעלכע עסן'ס, און נישט נאר דאס, נאר ס'איז אויך דא אויף דעם א איסור, דער איסור פון 'בל תשקצו' (רמב"ם סוף הלכות מאכלות אסורות).

ביים עסן זעהט מען אויך במיוחד 'מפונקים' און 'איסטניס'ן', אסאך מענטשן האבן געוויסע עסן'ס וואס זיי ממש איבלן זיך פון דעם, זיי קענען דאס נישט נעמען אין מויל אריין. און דאס איז וועגען די חוש הטעם, וואס ס'דארף פילן א געשמאק, און טאמער ס'איז פארקערט פון געשמאק, קען מען עס נישט אריינעמען אין מויל.

פון דעם קען מען פארשטיין, אז אזוי איז אויך אין די רוחניות'דיגע חלקים פון עסן, דארטן איז 'עסן' אויכט זייער א הייקעלע זאך, ווי מ'זעהט אז א די טבע פון א יוד איז אז ער 'איבעלט' זיך פון 'נבילה', ווי ס'איז מבואר אין הלכות שבת סימן שכח, אז אפילו חולים וואס מעגען עסן נבילה, ווילען זיי דאס נישט טוהן בשום אופן, פשוט ווייל ס'איבעלט פאר א יוד צו עסן נבילה. און ווען די תורה זאגט אז 'נבילה' איז מיאוס, איז עס נישט נאר א דין תורה, נאר דאס איז ממש דער מציאות פונעם יוד.

און דאס איז פשט פון די איסור פון 'בישולי נכרים', אז א יוד האט א עקסטערע 'סענזעטיוויטעט' ווען ס'קומט צו עסן, א יוד'ס עסן מוז זיין אינגאנצן ריין, טאמער איז דא אין דעם א גוישקייט, איז דאס אים מעורר א 'גיעול', א יוד איז א 'מפונק' און א 'איסטניס' ברוחניות ווען ס'קומט צו עסן, עסן מוז זיין מיט די גאנצע ריינקייט. און דאס איז פשט פון די פסוק 'אשר לא יתגאל', ער האט זיך פשוט געאיבלט פון די 'בישולי נכרים'.

## ◆ והתקדשתם והייתם קדושים

די פשוט'ע טעם פון 'בישולי נכרים' איז וועגען 'חתנות', ווי ס'איז געווארן נתבאר, אבער אין ספר הפרדס (סוף הלכות בישולי עכו"ם עמוד ע' בשם רש"י) ווארפט אריין נאך א זאך, ער זאגט אז ס'איז דא ביי דעם קדושה, 'והתקדשתם והייתם קדושים וגו''. און די אחרונים ווילן צושטעלן א ענדליכקייט צו וואס מ'זעהט ביי 'טבילת כלים חדשים', אז ס'גייט ארויס פון די טומאה פונעם גוי, צו די קדושה פונעם יוד, אזוי אויך אויף די גוי'ס געקעכטס איז דא א טומאה.

אונז וויסן אז פון 'והתקדשתם' איז טעם זיך צו וואשען די הענט צום עסן, ווייל א יוד'ס עסן דארף זיין בקדושה וטהרה, א יוד קומט צום עסן מיט א מורא'דיגע ריינקייט, דא ווערט מיר געוואור – לויט דעם ספר הפרדס, אז 'בישולי נכרים' האט אויך צו טוהן מיט 'והתקדשתם'. דאס הייסט אז 'בישולי ישראל' איז ריין, קדושה וטהרה, און 'בישולי נכרים' איז פארמיאוס'ט און שמוציג, ס'האט אויף זיך א טומאה און א זוהמא פונעם גוי, א מיאוס עקיל און גרויל.

אויך דער רמב"ם ענדיגט צו הלכות מאכלות אסורות (פרק יז הלכה לב) מיט די הלכות פון בישול עכו"ם, און נאכדעם פירט ער אויס, אז די אלע זאכן ברענגען צו קדושה, בעיקר גייט די רמב"ם ארויף אויף גאנץ ספר 'מאכלות אסורות', אבער אויך בישול עכו"ם איז בכלל, בפרט אז ער שרייבט עס ממש גלייך נאך די הלכות פון בישול עכו"ם.

## ◆ שמא יאכילנו דברים טמאים

אונז האבן שוין אויבן מעורר געווען אז רש"י אין די משנה זאגט די טעם פון איסור 'בישולי נכרים' אליך חתנות, און אין גמרא (לח ע"א בד"ה מדרבנן) זאגט רש"י א אנדערע טעם, אז איך בין חושש 'שמא יאכילנו דברים טמאים'.

איז לויט ווי די טעם פונעם ספר הפרדס בשם רש"י, אז די איסור פון בישולי נכרים' איז מכח א געפיל פון טומאה וואס א יוד פילט אויף גוישע עסן'ס, איז יתכן אז דאס איז אויך מרומז אין רש"י, 'שמא יאכילנו דברים טמאים', רש"י כאפט אהן דוקא די לשון 'דברים טמאים', מרמז צו זיין אויף די טומאה און זוהמא, וואס איז פארקערט פון קדושה. ווי די פסוק זאגט 'אשר לא יתגאל', די גוי'ס עסן האט א 'הרגש' פון פארשמירטע טמא'נע מאכלים.

און דאס איז בנוסף צו די טעם פון 'חתנות', די עיקר טעם איז טאקע 'חתנות' אזוי ווי רש"י זאגט אין די משנה, אבער בנוסף לזה איז דא די טעם פון 'טומאה וזוהמא', וואס דאס איז מער א כללות'דיגע טעם, אז א יוד'ס עסן דארף זיין בקדושה וטהרה, און אז ער וועט עסן פונעם גוי, וועט ער צוקומען צו עסן אויף א אופן פון 'טומאה וזוהמא'.

און דעם איז נכלל אויך אלע אנדערע 'מאכלי נכרים', ווי פת עכו"ם, מסיבות גויים, חלב עכו"ם, יין נסך (עי' עבו"ז לה 'ואלו דברים של עובדי כוכבים אסורין וכו', וביו"ד מסימן קי"ב עד סימן קטו). דאס הייסט אז בנוסף צו יעדער איסור בפרטיות, יעדער בפרטות האט זיך זיין טעם פארוואס די חז"ל האבן דאס גע'אסר'ט, בנוסף צו דעם איז דא אויך א כללות'דיגע זאך, אז דער יוד'ס עסן איז קדושה, און די גוי'ס עסן איז טומאה וזוהמא.

אזוי ווי אונז האבן געזעהן אויבן בשם דער רמב"ם (מובא לעיל) ווי ער פירט אויס סוף הלכות מאכלות אסורות, אז די כללות'דיגע טעם פון די אלע הלכות איז, אז דער יוד'ס עסן דארף זיין בקדושה וטהרה. איז אין דעם איז אויך נכלל די איסור פון בישולי נכרים וואס דער רמב"ם ברענגט דארטן גלייך פארדעם, אז די גוי'ס עסן איז מזוהם'דיגע עסן.

און אזוי זעהט מען אויך ביי 'יין נסך', וואס ס'איז דא די פשטות'דיגע טעמים, אליך איסור עבודה זרה, און אליך 'חתנות' (סתם יינם' וואס איז אסור אליך חתנות), אבער אז מ'איז זיך מתבונן זעהט מען דארטן כסדר אויף די ענין פון קדושה, למשל דאס וואס די חז"ל זאגען אויף די גוים אז זיי האבן טענות אויף די יידן, אז ווען דער גוי געט נאר א משהו ריר אהן צו די יוד'ס וויין, גיסט דער יוד גלייך אויס די וויין, אין די לשון דארט איז אז דער יוד איז עס גלייך 'חובט על הקרקע'.

וואס דאס הייסט אז די גויים פלעגען

המשך בעמוד האחרון

### ביבערס זענען פון די שקצים ורמשים

די 'ביבערס' זענען פון די 'שקצים ורמשים' וואס קריכן אויף די ערד, ווי די מפרשים זאגען אז די גדר פון 'שקצים ורמשים', זענען קלענערע חיות וואס זענען 'זוחל' ו'רוחש', חיות וואס גייען נישט, נאר זיי קריכן און שלעפן זייער בויך אויף די ערד. וואס אין דעם איז נכלל די 'מייז' און 'ראטס', 'שלענג' און 'פרעש', און נאך פיל אנדערע אזעלכע, ווי אויך די 'גרעונד דאקס', 'סקאנקס' וכדומה, אלע וואס שלעפן זייער בויך אויף די ערד.

אויך די 'ביבערס' זענען אין דעם כלל, זיי באלאנגען אין די משפחות פון די שקצים ורמשים, ס'איז דא אפילו וואס ווילען זאגען, אז די ביבערס זענען גאר דער 'חולד' פון די שמונה שרצים, אזוי צו אזוי, דאס איז זיכער אז דער 'ביבער' באלאנגט אין די דאזיגע משפחות.

באמת אין זיינע שפעטערע יארן קומט דער 'ביבער' אהן צו ווערן גאנץ גרויס, 'לפי ערך' די מייז און אלע אנדערע, אבער היות זיין עצם צורה איז א צורה פון א 'זוחל', איז ער אין כלל פון די 'שקצים ורמשים'. אזוי ווי דער שלאנג וואס קען אנקומען צו ווערן ריזיג גרויס, אבער פון דעסט וועגען זענען זיי אלץ אין כלל פון די 'שקצים ורמשים', ווייל זענען למעשה 'זוחלים', זיי שלעפן זייער בויך אויף די קרקע, איז אויך דער 'ביבער' אפילו ער איז גרויס איז ער למעשה א 'זוחל'.

די טבע פון די 'שקצים ורמשים' איז זיך צו היטן, דורך באהאלטן, די גרעסערע 'בעלי חיים' היטן זיך דורכן זיך פארמעסטן, יעדער 'בעל חי' מיט זיינע כוחות, למשל א 'הערש' פארמעסט זיך מיט די כח פון 'לויפן', אנדערע פארמעסטן זיך דורך זיין אסאך צוזאמען און גרויסע גראפע, אזוי קען מען זיך אוועקשטעלן אנטקעגן די שונאים.

אבער די 'שקצים ורמשים', וואס זיי זענען קליין און נישטיג לפי ערך פון די גרעסערע בעלי חיים, איז זייער וועג זיך צו היטן איז 'על פי רוב', דורכן זיך באהאלטן. און אויף דעם דרייט זיך א גרויסע חלק פון זייער לעבן, זוכענדיג ווי אזוי זיך צו קענען גוט אויסבאהאלטן.

למשל די 'מייז' און די 'ראטס', וועלן זיך אויסבאהאלטן אונטער די ערד, די שלענג אונטער די שטיינער, און אזוי אויך אין אונזער נושא, די 'ביבערס', זענען פארנומען טאג און נאכט זיך צו באהאלטן, זיי באהאלטן זיך אונטער די וואסערן, אלץ זענען זיי פארנומען מיט די איינע נקודה, זיך אויפצובויען א גוטע באהאלטענע פלאץ אין די וואסערן, א פלאץ ווי זיי זאלן זיין פארשטעלט פון די אויגען פון די חיות.

### ביברי דנרש

שטייט אין מסכת חולין (קכז ע"א) אז 'ביברי דנרש אינו מן הישוב', זיי באלאנגען אין די וואסערן, נישט אינעם 'ישוב', און רש"י הקדוש זאגט 'ביברי דנרש' - ביברניש בלע"ז, און ווי ס'קוקט אויס איז דאס טאקע אונזער 'ביבער', און ער איז 'אינו מן הישוב', זיין פלאץ איז אין די וואסער, זיין הויז איז אין די וואסער, און אלץ שווימט ער אין די וואסערן, און אפילו ער גייט ארויף אויפן יבשה, איז דאס מיט'ן ציל צו שניידן ביימער און אויפבויען די וואסער, ממילא ווערט ער פאררעכנט ווי א 'בעל חי' פון די וואסער, נישט ווי א 'בעל חי' פון די יבשה.

אויך זעהט מען אז אויב וויל ער זיך דערוואַרטערן אביסל פון זיין וואסער, וועט ער זיך אויסטרעיטן וועגען און 'קאנאלן' אנצוקומען לייכט צו די וואסער, כדי אז גלייך זאל ער קענען צוריק לויפן צו די וואסערן. דאס הייסט אז די וואסער איז זיין לעבן, אהן וואסער קען ער נישט לעבן, ממילא ווערט ער פאררעכנט ווי א חיה פון די וואסער, נישט ווי א חיה פון די יבשה.

און לכאורה איז דער 'ביבער' אין כלל פון 'שרץ המים', ווי די פסוק זאגט (ויקרא ) "וכל אשר אין לו סנפיר וקשקשת בימים ובנחלים מכל שרץ המים ומכל נפש החיה אשר במים שקץ הם לכם", רש"י הקדוש זאגט אז די לשון 'שרץ' איבעראל מיינט א נידריגע זאך, א זאך וואס קריכט און ריקט זיך אויף די ערד.

ס'איז דא א מחלוקת דער רמב"ם מיטן רמב"ן וואס איז דאס 'שרץ המים', דער רמב"ם (מאכלות אסורות פ"ב י"ב) האלט אז דאס מיינט 'פיש', אזעלכע פיש וואס האבן נישט קיין 'סנפיר וקשקשת', און דער רמב"ן (בהשגותיו לס' המצוות בי"ד שרשים) קריגט זיך, דער רמב"ן האלט אז 'שרץ המים' איז כולל אויך 'בעלי חיים', די סארט נדריגע 'בעלי חיים' וואס האבן נישט קיין 'קומה' און לעבן אסאך אין וואסער.

איז לויט דער רמב"ן איז מסתבר צו זאגען אז די 'ביבערס' זענען בכלל 'שרץ המים', ווייל זיי זענען אזעלכע שרצים וואס זענען 'נמוכי קומה', און זיי לעבן 'על פי רוב' אין וואסער, און דאס שטומט זייער גוט מיט די גמרא אז 'ביברי דנרש אינו מן הישוב', אז די 'ביבערס' זענען על פי רוב אין וואסער, און ווערן זיי נישט פאררעכנט מן הישוב, זיי זענען אין כלל פון 'שרץ המים'.

**איז לויט דער רמב"ן איז מסתבר צו זאגען אז די 'ביבערס' זענען בכלל 'שרץ המים', ווייל זיי זענען אזעלכע שרצים וואס זענען 'נמוכי קומה', און זיי לעבן 'על פי רוב' אין וואסער, און דאס שטומט זייער גוט מיט די גמרא אז 'ביברי דנרש אינו מן הישוב', אז די 'ביבערס' זענען על פי רוב אין וואסער, און ווערן זיי נישט פאררעכנט מן הישוב, זיי זענען אין כלל פון 'שרץ המים'**

### א רואיגע פלאץ

די וויכטיגסטע זאך פאר יעדער 'בעל חי' איז א פלאץ, א פלאץ הייסט אז ער איז דארטן רואיג און זוכער, ער קען דארט רואיג שלאפן ביינאכט, אהן דעם וואס ער זאל דארפן מורא האבן פון אנדערע 'בעלי חיים', ווי למשל די 'מייז' זענען נישט רואיג צו שלאפן העכער די ערד, זיי זענען נאר רואיג אונטער די ערד, און אזוי אויך אלע אנדערע שקצים ורמשים וואוינען על פי רוב אונטער די ערד.

די פלאץ פון די פייגלעך זענען אין די לופטן, זיי פליען אין דער הייעך, זיי בויען זייערע נעסטן אין דער הייעך, זיי ריען זיך אפ אין דער הייעך אויף די דעכער וכדומה. אויך די פייגלעך וואס האדוואן זיך אינדערוויינינג אין שטובער, וועלן זיי אלץ ליב האבן צו פליען אינדערהייעך, צום דאך צו, ווייל אינדערהייעך איז זייער פלאץ.

פייגלעך זענען על פי רוב קליין און שוואך אנטקעגען די חיות פון די יבשה, ממילא האט זיי דער אייבישטער געגעבן די לופטן

המשך בעמוד הבא

# ענינים



אידערהייער, אז דארטן זאלן זיי זיך פילן רואיג, דארטן איז זייער מקום מנוחה, ווי מ'קען זעהן בחוש די רואיג'קייט וואס זיי האבןביים פליען, זיי פליען אזוי מיט מיט די ווינטן מיט אזא געשמאק, וואס דאס איז אלץ ווייל אין די לופטן איז זייער פלאץ, און נאר אין דער אייגענער פלאץ פילט דער בעל חי א געשמאק.

און מ'זעהט בחוש אז ווען זיי קומען אראפ אויף די ערד, האלטן זיי און איין ארום טאנצן, יעדער האלבע רגע געבן זיי א פרישע טאנץ, ווי ס'איז מבואר דער ענין אין מדרש פארוואס די פייגלעך האלטן אין איין ארום טאנצן. און לענינינו איז דער פשט, אז אויף די ערד האבן זיי נישט קיין מנוחה, די ערד איז נישט זייער פלאץ, וועגן טאנצן זיי ארום, זיי זענען נישט רואיג.

און אזוי איז מיט אלע באשעפענישן, יעדער באקומט א פלאץ פונעם אייבירשטן, א פלאץ ווי ער פילט זיך רואיג, א פלאץ ווי ער קען רואיג שלאפן און פארברענגען, ווי למשל די 'פענגיונס' האבן באקומען די שטח פון 'אנטאריקע', אויף דרום זייט פון די וועלט, פארוואס? ווייל די פענגיונס זענען נישט שטארק, זייער פליען איז אויך נישט אזוי מורא'דיג, האט זיי דער באשעפער צוגעשטעלט די דרום זייט פון די וועלט, און זיי געגעבן אלע חלקים צו קענען 'סארווייוועך' דארטן אויף יענער זייט וועלט.

איז אזוי איז אויך מיט'ן 'ביבער', דער אייבישטער האט זיי געגעבן א פלאץ אין די וואסערן, און ער האט זיי צוגעשטעלט אלע כלים וואס זיי דארפן האבן צו דעם, אלעס וואס מ'דארף צו באלעבן דעם וואסער.

אויף די ערד טרעפט זיי זיך נישט די 'פלאץ', זיי האבן מורא פון די גרויסע בעלי חיים, ווי די בערן און די וועלף, ממילא בויען זיי זיך א פלאץ אין די וואסערן, אויף אזא אופן וואס זיי דארפן נישט מורא האבן פון קיינע חיות, אויף א אופן וואס די עפענונג פון די הויז איז איבערגעדעקט מיט וואסער, אזוי לעבט ער אין זיין וואוינאונג רואיג און אפגעהוטן.

און נישט נאר א הויז בויט ער זיך אין די וואסער, נאר א גאנצע שטאט בויט ער זיך אויף, ווי ס'איז באקאנט אז דער 'ביבער' פארשטייט מיט חכמה ווי אזוי אויפצוהייבן די וואסערן ארום זיך, ער קען בויען א הויז אין נידריגע וואסערן, און דערנאך ווייסט ער ווי אזוי עס אויפצוהייבן, ער פארשטייט צו בויען 'דאמבעס', וואס דאס הייבט אויף די וואסערן איבער זיין הייזקע.

וואס ווי באקאנט איז דאס פון די וואונדערליכסטע זאכן אויף די וועלט, ווי א 'בעל חי' האט די שכל, ער ווייסט ווי ער דארף פארשטאפן די וואסערן, און ער קען אויסרעכנען ווי א 'אינזשניר' מיט א פונקטלעכקייט, אז די וואסער זאל זיך הייבן גענוג איבערצודעקן די טירן פון זיין הייזקע, און נישט מער. און אזוי בויט ער א גאנצע שטאט ארום זיך, ער בויט זיך א שטאט פון וואסער, א שטאט ווי ער שווימט ארום מיט די גאנצע געשמאק, נישט מורא האבנדיג פון קיינע חיות, האבענדיג דארטן שטארקע כלים צו זיין אפגעהיטן.

## מה רבו מעשיך

וועלן מיר מסיים זיין מיט די גמרא אין מסכת חולין (קכז ע"א) די גמרא פארציילט אז רבי עקביא ווען ער איז אנגעקומען צו די פסוקים פון די שרצים האט ער זיך צוקאכט און אויסגעשריגען 'מה רבו מעשיך ה'', ווי די דאזיגע נישטיגע בעלי חיים, קליינע פיצקעלע חיה'לעך, וואס קוים וואס זיי שלעפן זיך אויף דער ערד, און דארטן אין די נידריגע פלאץ, איז פיל מיט אזוי סאך חכמה און חיים.

דער גמרא פארציילט אז רבי עקיבא האט זיך צוקאכט דייקא אין די נקודה, ווי וואונדערלך דאס איז אז יעדער בעל חי האט זיך זיין פלאץ, דער אויף די יבשה און דער אין די ימים, דער אין די לופטן, און דער אין פייער (סלמנדרא), און טאמער איינער וועט אויפטוישן זיין פלאץ מיט'ן צווייטן, וועט ער נישט קענען 'סארווייוועך', וואס דאס אלעס שרייט ארויס מיט א קאכעניש דעם 'מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך'.

# פרשה



פילען, ווי דער יוד האט א 'עקל' פון זיי, און אויב דער גוי האט נאר געגעבן עפעס א משהו א ריר צו, ווערט שוין די גאנצע וויין מיאוס ביים יוד, זיי פילען פון די הלכה פון יין נסך, אז דער יוד עקעלט זיך פון זיי, איז דער געפיל האט א אמת, דער יוד פילט אן 'עקל' פון דעם גוי'ס עסן, וואס דאס איז די כללות'דיגע טעם אויף אלע מאכלות אסורות, אז דער יוד'ס עסן זאל זיין בקדושה ובטהרה, און אין דעם איז אויך נכלל די איסור פון 'בישולי נכרים'.

**תמצית היוצא: עסן 'בישולי נכרים' איז מרגיל דעם יוד צו זיין צוזאמען מיט'ן גוי, וואס דאס עפענט אויף דעם יוד צו גויישקייט, וואס אין דעם איז דאך נכלל אלעס, פון דעם קומט צו צו עסן דברים אסורים, און דא קייקלט זיך ביז די חשש פון חתנות און נאך ערגער, ביז די חשש פון עבודה זרה. אויך איז געווארן צוזאמגעברענגט די צוויי טעמים, די טעם פון 'שמא יאכילנו דברים אסורים', און די טעם פון 'חתנות', אז ביידע זענען מכח די 'הרגל' און אפענקייט, וואס דאס ברענגט צו אלעס.**

**אויך איז געווארן נתבאר די הרגשה פונעם פסוק 'אשר לא יתגאל', אז 'בישולי נכרים' האט ביים יוד א 'איבעל', 'עקל', און 'גרויל'. אויך איז נתבאר געווארן די טעם אויף בישול נכרים' אלץ 'והתקדשתם והיתם קדושים', וואס די טעם שטייט אין פרדס בשם רש"י, און דאס האט צו טוהן מיט די טומאה און זוהמא וואס דער יוד איז מרגיש אין דעם גוי'ס עסן. און דאס איז אויך געווארן צוגעשטעלט צו די טעם פון רש"י אין גמרא 'שמא יאכילנו דברים טמאים', אז 'דברים טמאים' מיינט רש"י 'מזוהמים'.**

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424